# פרשת פקודי

## בס"ד. התוועדות יו"ד שבט ה'תשמ"ב

הנחה פרטית בלתי מוגה

ס'איז דאך בשלשה דברים העולם קיים, תורה עבודה וגמ"ח, וואס דאס איז דאך סיי "עולם" כפשוטו, און סיי "עולם קטן זה האדם",

דארפן זיי אלע דריי זיין דוקא בשמחה ובסבר פנים יפות, ווי ער ברענגט דארט די ראיות פון פסוקים ומאמרי חז"ל, אנהויבנדיק פון "עבדו הוי' בשמחה", וואס בפרט גייט דאך דאס אויף תפילה, "איזוהי עבודה שבלב זו תפילה", ס'איז אבער אויך כולל די כללות נבראתי לשמש את קוני – דער ענין פון "עבדו את הוי'", שמושו לקונו זאל דאס זיין בשמחה,

און ווי ער ברענגט דארט אויך אראפ בנוגע לתורה, וואס די גמרא זאגט אין ברכות און אין שבת אז דער ענין פון לימוד התורה דארף זיין אנהויבנדיק מיט מילתא דבדיחותא, אז מ'הויבט אן לערנען דוקא מתוך שמחה, "לא מתוך עצבות",

ועד"ז בנוגע צו צדקה, ווי אפגע'פסק'נט אין שו"ע (פון רמב"ם) אז עס מוז זיין בסבר פנים יפות, ניט ח"ו פארקערט, און ניט מספיק אז עס זאל זיין ניט אזוי און ניט אזוי – נאר ווי דער לשון אין שו"ע – דוקא בסבר פנים יפות,

וואס דאס איז אויך בפשטות, אז ס'איז דאך דא כמה אופנים ווי אזוי צו דינען דעם אויבערשטן, ס'איז אבער דא דער דרך המלך, דער "עבדו את ה' בשמחה", בשעת מ'איז מוסיף אין שמחה אין די אלע ג' קוים פון תורה עבודה וגמ"ח, וואס תורה פסק'נט אז עס דארף זיין "כל מעשיך" ו"בכל דרכיך" ווערט דאס אויך א טייל פון עבודת ה', פון "לשם שמים" ו"דעהו", דארף דאך דאס אויך זיין אין אן אופן פון שמחה,

אט דעמולט ברענגט דאס ביי אים צו שלימות אין עבודת ה', ווארום שמחה פורץ גדר, אז דאס איז מבטל און פורץ די גדרים און די הגבלות וואס עס קען ביי אים זיין מצד די ענינים פון שכל אדער אנדערע חשבונות, ביז מצד בכל לבבך ובכל נפשך, נאר ביי אים איז די עבודה אין אן אופן פון "בכל מאדך" – אז בכל מדה ומדה איז ער עובד הקב"ה אין אן אופן פון "ואהבת", מתוך אהבה,

וואס אט דעמולט איז ווי ער זאגט אין זהר איז "כגונא" ווי מ'איז עובד ה' בשמחה איז אט דעמולט איז מען אויך מעורר די השפעות מלמעלה אויך בשמחה , אז עס ווערט אויך פון די חסדים נסתרים ווערט דאס אויך טוב הנראה והנגלה, "הטוב לנו תפתח", א טוב אין אן אופן וואס ער איז מעורר שמחה,

און בשעת דאס איז ביי אים פורץ גדר פון זיי הנהגה, אז עס זאל זיין למעלה ממדוה"ג, ווארום ער איז "ואהבת את ה' אלקיך", ניט על מנת לקבל שכר וכיו"ב נאר ווי דער רמב"ם איז מבאר בארוכה אין הלכות תשובה בסיומן און אין פרק עשירי שבהם,

איז אט דעמולט ברענגט דאס אויך צו די שלימות, אז וויבאלד אז ביי אים איז דא זי אלע עשר כחות הנפש בשלימות, וואס ווען קענען זיי זיין בשלימות – בשעת זיי האבן אין זיך אויך דעם ענין פון "מאדך", דעם עניטן פון מקיפים שבנפש:



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת פקודי

בשעת אבער ער איז עובד הוי׳ מאהבה, איז אט דעמולט רעכנט ער זיך ניט אויס און מעסט ניט אז וויבאלד ס׳איז ניטא אהבו כך ער וועט טאן ניט מערער – דאס איז היפך ההנהגה פון עבודת ה׳ לשמה, מתוך אהבה אמיתית,

וואס דאס איז דעמולט ווען די עשר כחות הנפש שטייען בשלימות, דורך דעם וואס זיי זיינען דורכגענומען מיטן רצון אמיתי, און מיט דעם תענוג אמיתי, וואס דעמולט איז אויך די עבודה מיט די כחות פנימיים בשלימותה,

און דורך דערויף וואס ער שטייט בשלמיות אין די אלע ענינים, וואס דאס איז פארבונדן דוקא ווען דאס איז למעלה מגדר והגבלה, דורך דערויף וואס שירה ושמחה איז פורץ גדר,

אט דעמולט איז דאס מקרב דעם קירוב היעוד, ווי ער זאגט אין מדרש אז ס׳איז דא עשר שירות, וואס נייען שירות, וואס עס האט זיך אנגעהויבן פון משה רבינו, ״אז ישיר משה״, און דערנאך ווי ער רעכנט דארט אויס די נייען, זיינען נאך קודם הגאולה ע״י משיח,

דערנאך וועט זיין די שירה העשירית, מיטן מנין העשירי, ווען עס וועט קומען מישח צדקנו, בגאולה האמיתית והשלימה,

וואס דאס איז דאך תלוי במעשינו ועבודתינו, דורך דער שמחה אין זמן הגלות ווערט דאס א הכנה מתאימה צו ״שמחת עולם על ראשם״,

די שירה וזמרה בזמן הגלות, ווערט דאס א הכנה מתאימה צו דער שירה העשירית.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.